# אשי ישראל השלם



## אידיש



ל״ך

# רבי שלמה וועקסלער זצ״ל

(א)

איך האב געזעהן ביי רבי שלמה׳ן (וועקסלער זצ״ל) - - כ׳האב איהם מקנא געווען - כ׳האב געזעהן וויאזוי ער עסט - אן א שום תנועה של שקר! עולה אמת! ער איז געזעצן איינער אליין אין שטוב און געגעסן בקדושה ובטהרה - - אזוי ווי א פייגעלע, א קליין שטיקעלע - ער האט עס אריינגענומען, און געהאלטן אין מויל ביז עס האט זיך צואווייקט, און דערנאך עס אראפגעשלונגען, און אזוי נאכאמאל - - איך האב נישט פארשטאנען וויאזוי ער לעבט?! - -

*

- - אפילו איך אליין וואס איך האב באקומען די גאנצע זאך, איך וואלט געדארפט האבן א חיים טובים מיט דעם צעטל, אנדערש ווי די וועלט, און איך קוק מיר אהן - אזא עסן, מיט אזא שלאפן, מיט אזא דאווענען...

*

דער רבי שלמה - ער איז תמיד געזעצן בייטאג און ביינאכט און געדינט דעם אייבערשטן - תורה און תפלה!

ער איז נישט געווען קיין בעל משפחה - ער האט געהאט א ב״ב, און אויף דער עלטער האט ער געהאט צוויי אייניקלעך יתומים. דער רבי שלמה האט נישט געהאט קיין קינדער, האט ער געהאט בדרך נס - האט ער געהאט א טאכטער, און די טאכטער - געדענק איך - פלעגט קומען צו רבי שלמה׳ן, זי איז געווען א גרויסע צדיקת, זי פלעגט שטיין אויף די פיס איבער א ספר, זי פלעגט דאווענען און לערנען, זי איז געווען געראטן אין רבי שלמה׳ן... על כל פנים, די טאכטער האט חתונה געהאט, און האט געהאט א צווילינג, און זי איז ל״ע נפטר געווארן אין קימפעט, איז געבליבן די צווילינג.

אז איך פלעג קומען קיין ירושלים, - אז איך בין אריינגעקומען צו רבי שלמה׳ן - איז ביי איהם געווען א שמחה פון א חתונה, וויאזוי דער רבי שלמה האט זיין פנים געלויכטן - די שמחה - אז ס׳איז געווען אזעלעכ׳ס! וואס איז? איך האב געקענט רבי ישראל׳ן! ער האט געהערט וואס מיט מיר האט זיך אפגעטוהן...

האב איך געגעסן מיט איהם ביים טיש, [- זי האט נישט געגעסן קיינמאל ביים טיש, זי האט געגעסן אליין - זי איז נישט געווען קיינמאל ביים טיש]. האט ער גענומען אזעלכע קליינע שטיקעלעך - ווארן מ׳וויל פיהלן א טעם פון קייען... - האט ער אריינגענומען א קליין שטיקל חלה און א קליין שטיקעלע פיש, און האט נישט געקייעט! ס׳איז געליגן אין מויל, און מ׳האט גערעדט, און ס׳איז געליגן אין מויל - און אראפגעשלינגען, און האט גענומען א אנדער שטיקל, און אזוי איז געווען עטליכע מאל. איך האב געטראכט צו מיר וויאזוי קען דער גוף האבן א קיום?!... ער האט אפגעוואוינט דעם מאגן, דער מאגן זיינע איז שוין געווען געוואוינט צו אזא מין אכילה...

זיין צורה אנקוקן, זיין דיבור - - רבי חיים זוננפעלד (גאב״ד העדה החרדית) האט פאר איהם דרך ארץ געהאט! רבי חיים איז דאך געווען א ליטוויק (אשכנז), און ביי א ליטוויק - ווער עס קען מער לערנען, ווער ס׳איז מען בקי, מער למדן - און רבי שלמה איז געווען א למדן, ער האט זיך נישט געהאט וואס צו שעהמען פאר רבי חיימ׳ען...

דער רבי חיים זוננפעלד פלעגט דאווענען ותיקין אין די בתי מחסה, און רבי שלמה האט אויך געדאוונט

ותיקין, זיי האבן זיך געזעהן אלע טאג, און דער רבי חיים האט געהאלטן פון רבי שלמה׳ן - - ער (רבי חיים) איז דאך געווען דער ראש פון דער אגודה, ס׳איז געווען רבי משה בלוי (מראשי האגודה) מיט נאך - - רבי שלמה איז ביי איהם געווען א חד בדרא! רבי שלמה איז ביי איהם געווען - קודש קדשים! ער האט נישט געהאט א צווייטן ווי רבי שלמה!

רבי שלמה האט פאר איהם נישט קיין דרך ארץ געהאט... מ׳האט זיך געקריגט אויף רב קוק, און מ׳האט בעדארפט אז ער זאל ארויסגיין שארף, טאמער איז ער נישט ארויס אזוי שארף ווי עס דארף צו זיין - האט רבי שלמה קיין שום דרך ארץ געהאט פאר רבי חיימ׳ען...

*

רבי ישראל איז געווען אן אנדער עולם, רבי ישראל איז געווען - - זיין מסירות נפש, און זיין שכל הישר, זיין התבודדות. אז רבי שלמה פלעגט קרעכצן - רבי שלמה פלעגט מיר זאגן; "ווי נעמט מען רבי ישראל׳ס עבודה?!"

* * *